**איף תיכף ארויסצוגעבן:** 7/11/2023 **גאווערנער קעטי האקול**

## גאווערנער האקול אנאנסירט רעקארד צאל פון ניו יארקער וועלכע האבן גענוצט די נאציאנאלע-פירנדע באצאלטע פאמיליע אורלויב פראגראם אין 2022

***נייע אינפארמאציע צייגט אז מער פון 700,000 ניו יארקער האבן אויסגענוצט די באצאלטע פאמיליע אורלויב פראגראם זייט 2018 - ארייננרעכענענדיג מער פון 160,000 אין 2022***

***פאלגט נאך גאווערנער האקול'ס פארברייטערונג פון ניו יארק'ס באצאלטע פאמיליע אורלויב געזעץ אין 2021 צו העלפן מער פאמיליעס שטארקן די פארבינדונג מיט זייערע קינדער און נאנטע***

***דעפארטמענט פון פינאנציעלע סערוויסעס' אינהאלטסרייכע אינפארמאציע באזע אוועילעבל [דא]()***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט אז א רעקארד צאל ארבעטער האבן אויסגענוצט ניו יארק'ס היסטארישע באצאלטע פאמיליע אורלויב פראגראם צו שטארקן די פארבינונג מיט זייערע קינדער אדער אויפפאסן פאר אן ערנסט-קראנקע פאמיליע מיטגלידער אין 2022. די אינפארמאציע, אוועילעבל אויף די דעפארטמענט פון פינאנציעלע סערוויסעס' אינהאלטסרייכע אינפארמאציע באזע, צייגט אז די אלגעמיינע אויסנוץ ראטע, די צאל מענער וועלכע נעמען פאטערליכע אורלויב יעדע יאר, און די דורכשניטליכע צייט אפשניט גענומען האט זיך פארמערט יעדע יאר דורכאויס די פינף יאר פון די פראגראם.

" ווען איך האב אונטערגעשריבן ניו יארק'ס באצאלטע פאמיליע אורלויב פארברייטערונג צו ווערן א געזעץ, האב איך ווידער באשטעטיגט אונזער סטעיט'ס פארפליכטונג צו פארזיכערן אז ארבעטער האבן די באשיצונגען וועלכע זיי דארפן צו שטארקן די פארבינדונג מיט זייערע עלטערן, קינדער, און אנדערע נאנטע," **האט גאווערנער האקול געזאגט**. "יעצט, ענטפערן די ארבעטער - מיט שטייגנדע איינשרייבונג און רעקארד-הויכע אויסנוץ, ספעציעל צווישן טאטעס. אונזער נאציאנאל-פירנדע באצאלונג פאמיליע אורלויב פראגראם איז עדות אויף אונזערע פרואוון צו מאכן ניו יארק די מערסטע ארבעטער-פריינטליכע סטעיט אינעם לאנד, און איך וועל ווייטער ארבעטן צוזאמען מיט די לעגיסלאטור צו אוועקשטעלן די געזעצן און פראגראמען וועלכע שטיצן שטארקע פאמיליעס."

**דעפארטמענט פון פינאנציעלע סערוויסעס סופעראינטענדענט אדריען א. האריס האט געזאגט**, "אונטער גאווערנער האקול'ס פירערשאפט, האט ניו יארק געשטארקט איר פארפליכטונג פאר גוטע באצאלטע פאמיליע אורלויב, וועלכע איז גאר וויכטיגע ווען עס קומט צו אפהיטן די עקאנאמישע זיכערהייט פון אלע ארבעטער. די פובליק אינפארמאציע באזע ערלויבט קלארע נאכגאנג פון די פראגראם'ס ערפאלגליכקייט, וואס ערמעגליכט גרויסע נעמען אין ניו יארק און ארום די לאנד צו ארויסנעמען ווערדלאזעביישפילן פון א נאציאנאל-פירנדע פאמיליע אורלויב פראגראם."

**טשעיר פון די ארבעטערס' פארגיטיגונג באורד קלאריסע מ. ראדריגעז האט געזאגט,** "ניו יארק פארשטייט - קיינער זאל נישט דארפן אויסוועלן צווישן א געהאלט און זיך אפגעבן מיט פאמיליע. די הונדערטער טויזענטער ניו יארק וואס ארבעטן וועלכע האבן גענומען באצאלטער פאמיליע אורלויב זייט 2018 ווייסן די ווערד פון די קריטישע בענעפיט, ווי אויך זייערע קינדער און אנדערע פאמיליע מיטגלידער וועלכע האבן גענאסן פון זייער איבערגעגעבנקייט. עס איז וואונדערבאר צו זען אז מער מענטשן נוצן אויס די בענעפיט יעדע יאר."

**ניו יארק סטעיט דעפארטמענט פון לעיבאר קאמיסיאנערין ראבערטע רירדאן האט געזאגט,** "מיר ווייסן אז פארברייטערטע פאמיליע אורלויב העלפט פארמאכן די לאך אין דזשענדער באצאלט, און געבט פאר ארבעטער די צייט וואס זיי דארפן זיך צו אפגעבן מיט זייערע קינדער און אנדערע פאמיליע מיטגלידער. עס איז אויסערגעוועונליך אז ניו יארקער נוצן אויס די נאציאנאל-פירנדע פראגראם, און איך האף אז דאס באאיינפלוסט נאך ניו יארקער צו נוצן די פראגראם. איך באדאנק גאווערנער האקול פאר איר געטריישאפט מיט ארויסהעלפן ניו יארק פאמיליעס דורך שטיצן פארברייטערטע באצאלטע פאמיליע אורלויב."

אין 2016, האבן בלויז 13 פראצענט פון ארבעטער איבער'ן לאנד געהאט באצאלטע פאמיליע אורלויב. זייט ניו יארק האט אוועקגעשטעלט די נאציאנאל-פירנדע געזעץ וואס שטעלט צו באצאלטע פאמיליע אורלויב פאר איבער 8 מיליאן ארבעטער, זענען כמעט 717,000 פאמיליע אורלויב קלעימס באצאלט געווארן אין די ערשטע פינף יאר פון די פראגראם, מיט א רעקארד הויכקייט פון 163,124 קלעימס אין 2022.

**הויפט געפינסן פון די אינפארמאציע נעמען אריין:**

- די צאל באצאלטע קלעימס איז געשטיגן יעדע יאר פון די פראגראם, אויסער א קליינע נידערונג אין 2020, ווארשיינליך צוליב רעזולטאטן פון די קאוויד-19 פאנדעמיע. ניו יארק׳ס באצאלטע פאמיליע אורלויב אויסנוץ ראטע (די פראצענט פון געדעקטע ארבעטער וועלכע האבן אויסגענוצט דעם בענעפיט אין א געוויסע יאר) איז נאכאנאנד געשטיגן יעדע יאר, פון 1.59 פראצענט אין 2018, צו 1.73 פראצענט אין 2019, 1.74 פראצענט אין 2020, 1.96 פראצענט אין 2021, און 2.06 פראצענט אין 2022.
- די בענעפיט ווערט דאס מערסטע גענוצט דורך עלטערן צו נעמען צייט זיך אפצוגעבן און שטארקן דאס פארבינדונג מיט א ניי-געבוירן, אדאפטירטע, אדער פאסטער קינד, מיט 83,796 קלעימס אין 2018; 101,802 אין 2019; 98,835 אין 2020, 113,025 אין 2021, און 117,851 אין 2022.
- מער מענער נעמען פאטערליכע אורלויב יעדע יאר זיך צו אפגעבן און שטארקן די פארבינדונג מיט זייערע קינדער. די פראצענט פון באצאלטע פאמיליע אורלויב קלעימס גענומען צו שטארקן די פארבינדונג מיט א קינד געמאכט דורך מענער איז געשטיגן יעדע יאר: 30.8 פראצענט (25,768 קלעימס) אין 2018; 33.2 פראצענט (33,803 קלעימס) אין 2019; 36.4 פראצענט (35,942 קלעימס) אין 2020, 38.3 פראצענט (43,254 קלעימס) אין 2021, און 39.7 פראצענט (46,764 אין 2022).
- מערסטנס מענטשן געבן זיך אפ מיט אן ערנסט-קראנקע פאמיליע מיטגליד. 27.7 פראצענט פון קלעימס זענען פון ניו יארקער וועלכע נעמען אראפ צייט זיך צו אפגעבן מיט אן ערנסט קראנקע פאמיליע מיטגליד, און דאס מערסטע, צו נעמען צייט זיך אפצוגעבן מיט קראנקע עלטערן.
- די דורכשניטליכע צייט אראפגענומען איז געשטיגן יעדע יאר פון 5.5 וואכן אין 2018 צו 7.9 וואכן אין 2022.

נאכמער, די באריכט צייגט אז ניו יארק סטעיט ארבעטער אין יעדן ראיאן פון ניו יארק האבן אויסגענוצט דעם נאציאנאל-פירנדע בענעפיט. קלעימס צוטיילט לויט ראיאן אין 2022 רעכענען אריין:

- ניו יארק סיטי (49,703)
- לאנג איילענד (23,687)
- מיטל-האדסאן (17,144)
- מערב ניו יארק (14,539)
- פינגער לעיקס (12,242)
- קאפיטאל ראיאן (9,274)
- צענטראלע ניו יארק (6,626)
- דרום טיער (4,774)
- מאוהאק וואלי (4,185)
- צפון קאנטרי (2,953)
- נישט אידענטיפיצירט אדער אינדרויסן פון סטעיט (17,997)

אין קראפט זייט 2018, איז ניו יארק'ס באצאלטע פאמיליע אורלויב פראגראם אן ארבעטער-באצאלטע אינשורענס וואס געבט פאר ארבעטער ארבעט-באשיצטע, באצאלטע אורלויב צייט צו שטארקן די פארבינדונג מיט א ניי-געבוירן, אדאפטירטע אדער פאסטער קינד, זיך אפגעבן מיט א פאמיליע מיטגליד וואס איר ערנסט קראנק (וואס קען אריינרעכענען שטארקע פעלער פון קאוויד-19), אדער ארויסהעלפן נאנטע ווען א מיטגליד פון די פאמילע איז אין אויסלאנד אויף אקטיווע מיליטערישע דינסט. בארעכטיגטע ארבעטער קענען אראפנעמען ביז 12 וואכן פון די ארבעט און באקומען 67 פראצענט פון זייער געהאלט (ביז א געוויסע מאס) אין צייט פון נויט.

אין 2021 האט גאווערנער האוקול אונטערגעשריבן די געזעץ צו פארברייטערן די בענעפיטן אויף צו ערמעגליכן פאר ניו יארקער אראפצונעמען צייט אויף זיך אפצוגעבן מיט ערנסט קראנקע געשוויסטער. די נייע בענעפיט וועט אריינגיין אין קראפט אין 2023.

באצאלטע פאמיליע אורלויב קען אויך זיין אוועילעבל אין געוויסע אומשטענדן ווען אן ארבעטער אדער זייער מינדעריעריגער, דעפענדענט קינד איז אונטער א באפעל פון קווארענטין אדער איזאלירונג צוליב קאוויד-19.

פאר פולע איינצלהייטן איבער די ניו יארק סטעיט באצאלטע פאמיליע אורלויב פראגראם, אריינגערעכנט וויאזוי זיך איינצוגעבן פאר אורלויב, באזוכט [PaidFamilyLeave.ny.gov](https://PaidFamilyLeave.ny.gov).

צו האבן צוטריט צום DFS אינהאלטסרייכע אינפארמאציע באזע אויף ניו יארק סטעיט באצאלטע פאמיליע אורלויב אויסנוץ, באזוכט דא.

*ניו יארק סטעיט פאטערליכע אורלויב פארשפרייטונג קאמפיין*

די ניו יארק סטעיט לעיבאר דעפארטמענט (Department of Labor, DOL) גייט ווייטער מיט איר סטעיט-ברייטע פאטערליכע אורלויב פארשפרייטונג קאמפיין, ווי רעקאמענדירט דורך די 2023 דזשענדער געהאלט פעלער באריכט (Gender Wage Gap Report). די קאמפיין צילט דאס צו מאכן א נארמאלע זאך פאר פרישע טאטעס צו נעמען אורלויב דורכ'ן פארשפרייטן די ווויסנשאפט פון בענעפיטן פאר נייע און צוקונפטיגע טאטעס און דורכ'ן ארויסברענגען וויאזוי פאטערליכע אורלויב קען האבן א פאזיטיווע אפעקט אויף פאמיליעס און אויף די קאריערע און געהאלט פון פרויען וואס ארבעטן.

פאר מער אינפארמאציע, זעט די DOL'ס פאטערליכע אורלויב פארשפרייטונג קאמפיין ווידעא דא.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418